ב. אויסלענדער

# וועגנ צוויי שטראָמענ אינ פערעצעס קינסטלערישער שפראכ פונ די 90-קער יאָרנ[1]

V

די אַלע דערשיינונגענ אינ פערעצעס קינסטלערישער שפראכ, וואָס מיר האָבנ אויבנ באשריבנ, לאָזנ זיכ ווי געהעריק פארשטיינ נאָר דעמאָלט, ווענ מע נעמט אינ אכט פערעצעס אלגעמיינע אידעאָלאָגישע איינשטעלונגענ פונ יענער צייט.

פאר פערעצנ איז געווענ גאנצ נאטירלעכ, וואָס ער האָט 1895 אינ דעמ אריינפיר־ארטיקל צומ זאמלבוכ „ליטעראטור אונ לעבנ" געשריבנ...

„...אויכ איז שוינ צייט די אינטעליגענצ זאָל אוועקלייגנ אינ אַלטנ ארכיוו אריינ די פראגע: צי איז זשארגאָנ א שפראכע? צי קאָנ זיינ א שפראכע אָנ א געדרוקטע גראמאטיק? צי קאָנ הייסנ א שפראכע—א צוזאמענפליקעכצ פונ פארשיידענע שפראכנ פונ פארשיידענע צייטנ? דאָס איז אַלצ דאָס אלטע באטלאָניש־פילאָזאָפישע מיסט, אינ וועלכנ עס ווילנ אייביק פיקנ אונדזערע ליטעראַרישע אקאָרעס־הינער. די עמעסע אינטעליגענצ דארפ פארשטיינ, אז זשארגאָנ איז א פאקט, וואָס איז געשענ ניט מיט אונדזער ווילנ אונ וועט אפ אונדזערע פארלאנגענ איבערנאכט ניט פארשווונדנ ווערנ"...

אינ דידאָזיקע שורעס איז זיכער ניט געווענ קיינ סאכ נייעס אינ די 90־קער יאָרנ, נאָכ דעמ, ווי א ריי שרייבער פונ די 60־ד־80־קער יאָרנ האָבנ אזוי אָפנ אונ דייטלעכ פאָרמולירט זייער שטעלונג צו דער יידישער שפראכ. ניי איז אָבער אינעמ דעקלאַראטיוונ ארטיקל פונ זאמלבוכ „ליטעראטור אונ לעבנ" פערעצעס אנטשלאָסענע ווענדונג צו דער אינטעליגענצ.

דידאָזיקע ווענדונג באקומט דאָ א באזונדערע וואָג נאָכ דערפאר, ווייל זי גייט אינעמ דערמאָנטנ ארטיקל באנאנד מיט פערעצעס א שארפ־קריטישער באציִונג צומ גאנצנ ליטעראטור־באשטאנד פונ זיינ צייט („עטלעכע צענדליקער מעשוירעדימ, שרייבער אינ די הונדערטער, פובליציסטנ אויכ עטלעכע סוצ— שרייבט פערעצ— אונ דאָכ איז נישטאָ מיט וועמענ צומ טיש צו גיינ..."). דעמ איינציקנ אויסוועג פונ אזא ליטעראטור־צושטאנד זעט פערעצ דערינ, אז „אונדזער אינטעליגענצ זאָל איבערנעמענ אונדזער ליטעראטור אינ אירע הענט". פונ אָט דער גרונט-האנאָכע גייט פערעצ ארויס אינ זיינ גאָרער ליטעראטור־אָפּשאצונג, אונ כאָטש ער שרייבט דערביי, אז „ס'איז שוינ צייט, אז אונדזערווירקלעכע אינטעליגענצ זאָל פארשטיינ, וואָס פאר א פליכט, וואָס פאר א פליכט, וואָס פאר א היסכייווועס זי האָט פארנ פאָלק" — קלינגט עס אָבער בא פערעצנ איינצייטיק אויכ ווי א דעקלאַראציע וועגנ די היסכייווועסנ, וואָס ליטעראטור האָט פאר דער „עמעסער אינטעליגענצ". ווי אַלע מאָל בא פערעצנ, לאָזט זיכ עס וויסנ אויכ אינ זיינ באציִונג צו דער ליטעראטור־שפראכ. אויכ די ליטעראטור־שפראכ דארפ, לויט פערעצעס מיינונג, זיכ שטעלנ צו דינסט דער „עמעסער אינטעליגענצ". אזוי שרייבט פערעצ נאָכ נאָר אינ זיינ ערשטנ בריוו צו שאָלעמ־אַלייכעמענ (1888): „איכ וויס די ארבעט פונ מיינ האר: זיינ ווילנ אונ שטרעבנ איז (אפ וויפל איכ האָב געקענט פארשטיינ) צו שרייבנ צוליבנ אוילעמ, וואָס רעדט זשארגאָנ פונ זשארגאָנע־לאנד, אונ איכ שרייב צוליב זיכ, צוליב מיינ האנאָע וועגנ, אונ א יב איכ דערמאָנ מיכ אמאָל אינ דעמ לעזער, איז ער פונ א העכערער מאדרייגע פונ דער געזעלשאפט, ער איז דער מענטש, וואָס האָט געלייענט אונ געלערנט אינ א לעבעדיקער שפראכ[1]".

די כעלוקעדייעס אינ דער באציִונג צו דער ליטעראטור־שפראכ, וואָס מערקנ זיכ אָנ צווישנ פערעצנ אונ שאָלעמ־אַלייכעמענ אינ דעמדאָזיקנ בריוו, האָבנ אונטער זיכ א גענוג־פעסטנ באָדנ. זיי שטאמענ דערפונ, וואָס שאָלעמ־אַלייכעמס פאָלקיזמ אונטערשיידט זיכ פונ פערעצעס פאָלקיזמ נאָכ אינ זייער א וויכטיקנ פונקט — אינ דער באציִונג צו דער אינטעליגענצ. שאָלעמ־אַלייכעמ האָט זיינ באציִונג צו דער אינטעליגענצ אויסגעדריקט אינ זיינ באוווּסטנ זאצ: „ווער עס איז באקאנט מיט אונדזער פאָלק, דער ווייסט, אז העלדנ געפינענ זיכ צווישנ אונדזער האמוינ־אמ אסאכ מער אַלס בא אונדזער העכערער קלאסע, וואָס מע רופט דאָס אָנ אינטעליגענצ[2]".

אינ העסקעמ מיט דערדאָזיקער אָפּשאצונג איז שאָלעמ־אַלייכעמ אינ זיינ פאָלקיזמ פונ די 80—90־קער יאָרנ געווענ אסאכ מער שטאנדהאפטיק איידער פערעצ. שאָלעמ־אַלייכעמ דערמאָנט זיכ אינ דער יידישער אינטעליגענצ נאָר דעמאָלט, ווענ ער האָט א געלעגנהייט צו רעדנ וועגנ אירע „פליכטנ". פערעצ אָבער האָט שטענדיק געזוכט די געלעגנהייט צו דערמאָנענ ניט נאָר די „פליכטנ", נאָר אויכ די באזונדערע רעכט אונ פריווילעגיעס פונ דער „עמעסער אינטעליגענצ". פאר פערעצנ איז דער פאָלקיזמ אפילע אינ אָנהייב 90־קער יאָרנ געווענ נאָכ א מינ פאָרשטופע, א געוויסע צוגרייט־סטאדיע צו יענער צייט, ווענ די ליטעראטור וועט זיכ שטעלנ צו דינסט דער „עמעסער אינטעליגענצ"[3]. דערפאר האָט פערעצ אינעמ פאָלקיזמ אנטפלעקט אונ אנטוויקלט קודעמ־כאָל דאָס, וואָס ס'איז דאָ געווענ ספעציפיש אינטעליגענטישעס, אזוינס, וואָס איז געשטעמפלט מיט דער מארקע פונ דער „העכערער מאדרייגע פונ דער געזעלשאפט".

„וויפל די פאָלקיסטנ האָבנ ניט אידעאליזירט די פויערשע מאסע, — האָט געשריבנ אינ די 80־קער יאָרנ פלעכאנאָוו וועגנ די רוסישע פאָלקיסטישע שרייבער, — פונדעסטוועגנ האָבנ זיי דאָכ געקוקט אפ אָט דער מאסע פונ אויבנ אראָפּ, ווי אפ א גוטנ מאטעריאל פאר זייערע ווילטעטיקע פארזוכנ. דער פאָלקיזמ האָט געהאט אינ זיכ זיינ אייגענע, באדייטנדיקע מאָס פריצישקייט (барства...)"[4].

ווי פאָרזיכטיק מע זאָל ניט זיינ מיט דער אנאלאָגיע צווישנ די פאָלקיסטנ־שרייבער אינ דער רוסישער ליטעראטור אונ די

1) זע „די יידישע שפראכ" נומ. 4—5 1930; איבער א פארזענ איז דאָרטנ ארויסגעפאלנ די באמערקונג וועגנ דעמ, אז אינ דער ארבעט ווערט באהאנדלט נאָר די שפראכ פונ פערעצעס פראָזאישע ווערק.

1) ל. ל. פערעצ: בריוו אונ רעדעס. ווילנע, 1929 יאָר. ז. 14.

2) „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" באנד 2, ז. 307, קיִעוו, 1889.

3) ערשט אינ א רעדע, געהאלטנ 1912 י. אינ ווילנע, האָט פערעצ מיט בא פרידיקונג געקאָנט קאָנסטאטירנ: „די יידישע ליטעראטור האָט אָנגעהויבנ פונ פאָלק, פונ זיינע נידעריקסטע שיכטנ, אַלצ גייענדיק העכער אונ העכער (קורסיוו אונדזערער—ב. א.), שטרעבנדיק בא היינטיקנ טאָג צו באפרידיקנ די גייסטיקע באדערפענישנ פונ דער אינטעליגענצ"..... („בריוו אונ רעדעס" ז. 260).

4) פלעכאנאָוו. 14 באנד.

